הוצאת ספרים של הקיבוץ המאוחד בע"מ
ת.ד. 16040
תל אביב 61160
הפצה 245271
מערכת 220402, 236067 03

18.1.82

לכבוד
ד"ר שלום לוריא
החוג לספרות עברית
אוניברסיטת חיפה

---

לש. לוריא שלום רב,

בישיבת החוליה לספרות של ההוצאה הוחלט להוציא לאור את תרגומך ל"דאס קליינע מענטשעלע" מאת מנדלי מוכר- ספרים, בתנאי שיימצא לכך מימון מתאים.
בדעתנו להוציא את הספר בצורה מושכת עין - עם רישומים וכו׳.
הוצאת ספר דו-לשוני כזה עם מבוא, הערות וכו׳ היא יקרה מאד: כ-30 דולר לעמוד, כאשר היקף הספר הוא קרוב ל-150 עמודים. לפיכך יש צורך לגייס כ-3000 דולר (או כ-50.000 שקל), על מנת למנוע הפסדים בהוצאתו.

בברכה

רינה קלינוב

**Hakibbutz Hameuchad Publishing House Ltd.**
P.o.b 16040
61160 Tel Aviv
Israel

אוניברסיטת חיפה
UNIVERSITY OF HAIFA
جامعة حيفا

27.1.82

טײַערער פֿרײַנד דוד,

עטלעכע מאָל האָב איך זיך געקליבן דיר צו שרײַבן אַ פּאָר
ווערטער — און ס'איז אויס געבליבן בײַ טײַך.

דאָס מאָל מוז איך שוין שרײַבן. איך קום צוריק צו
מאָנטרעאָל 'קלײן מאָנטשעסטער'. ווי עס ווערט דיר קלאָר וואָס פֿון
דעם בײַגעלײגטן בריוו, איז דער 'קיבוץ המאוחד' גרייט
דאָס אַרויסגעבן די ווײַלן, גענעץ, און "קלײנע קײַט": 3000 דאָלאַר...
פֿון דעם וועגן האָב איך באַשלאָסן זיך ווענדן צו אײַך און
דערמיט און פֿרעגן מײַנלײַכן אַ ביסל מיטלען. דו האָסט מיר
באַשערט געזאָגט אין מרחביה, אַז מען קען בײַ אײַך אין
אַמעריקע עפּעס אויספֿועלן.

דעם זומער (אָנהײב אויגוסט) קלײַב איך זיך קומען קײן
ניו-יאָרק אויף אַ דרײַ וואָכן. איך וויל זיך אַ ביסל
אַרומקוקן בײַ אײַך, באַזוכן דעם "ייִוואָ" און זיך באַגעגענען
מיט ייִדיש=שרײַבערס. וועלכע זײַנען / דעם זומער לעבן אין ניו-יאָרק?

MOUNT CARMEL, HAIFA 31 999, ISRAEL. PHONE: 240111 .הר־הכרמל, חיפה 31 999, טל جبل الكرمل — حيفا.

שרײַב מיר וואָס מאַכסטו און וואָס מאַכט דײַן ליבע פֿרוי
שײנע. וואָס פֿאַר אַ גוטע מעשׂים האָט איר שוין באַוויזן
צו טאָן?

לעצטן איז אין חיפֿה אוניווערסיטעט געווען אַ טרעפֿונג
מיט דן מירונען און מען האָט אַרומגערעדט פֿון אַלע זײַטן
זײַן נײַעם בוך אויף ייִדיש 'דער אימאַזש פֿון שטעטל'.
עס איז געווען גאַנץ אינטערעסאַנט. מיר באַקלאָגן זיך, אַז דער
אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור און צו ייִדיש וואַקסט.
פֿאַוולינגער גרעסער. אַפֿילו מיך האָט מען אײַנגעלאַדן אין
תּל־אָבֿיבער אוניווערסיטעט צוליב צו לייענען אין עפּעס אַ
'פּראָיעקט', וואָס איז פֿאַרבונדן מיט ייִדישער ליטעראַטור. איך
ווייס נאָך ניט גענוי מיט וואָס דאָס שמעקט.

זײַ מיר געזונט, דו און דײַן פֿרוי,

דײַן פֿרײַנד

דעם 5טן פֿעברואר 1982

ליבער ר׳ שלום,

דאָס זאָג איך בלי-גוזמא און אוודאי אָן חניפֿה -- פֿאַר דער לעצטער
צײַט בין איך געוואָרן אײַער תּלמיד. איך האָב דורכגעקאַקערט א האַלבע
דיסערטאַציע און קען זיך ניט אָפּוווּנדערן פֿון אײַער בקיאות און
עניוות (א זעלטענע פּאָר!)? א בפֿירושע לעבנס-חכמה רעדט דורך די
זײַטן ווי אויך א טיפֿע אינעווייניקסטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער דרײַ-
שפּראַכיקער (צי פֿיר-) מזרח-אייראָפּעיִשער ייִדישער קולטור. אין ערגעץ
פֿירט איר ניט קיין פּאָלעמיק און קיין פּליאָטקעס, להיפּוך צו אַלע
דיסערטאַציעס וואָס איך האָב ביז אַהער געליענט. איטלעכע באַמערקונג
אַפֿילו א זײַטיקע, איז צען מען דורכגעטראַכט און פּרעציז פֿאָרמולירט.
און דאָס זאָג איך ווײַל מײַן הויפּט-אינטערעס בײַם איצטיקן מאָמענט
ליגט מחוץ פּ י ש ק ע . דער פֿאַרגלײַך צווישן ישׂראליק און מענדעלע
איז געניאַל (זז׳ 203, 240 א״וו), ווי אויך דער שמועס וועגן מיטאָס
און אַלעגאָריע. דער עיקר-טעזיס וועגן מענדעלען ווי א פֿיגוראַטיוו
געשטאַלט איז ביז גאָר איבערצײַגעוודיק און שטעלט מיט זיך פֿאַר א
ווענדפּונקט אין דער מענדעלע-פֿאָרשונג. עס געפֿעלט מיר ווי איר בויט
געדולדיק אויף אַנדערע, און רײַסט זייער בנין ניט אַראָפּ, סײַדן מיט
א פּאָר איידעלע ווערטער. עס פֿאַרדריסט מיר נאָר וואָס איר האָט מיר
פֿאַרכאַפּט דעם וועג אויף טריט און שריט, וועל איך האָבן גאָר ווייניק
מחדש צו זײַן אין מײַן קאַפּיטל וועגן מענדעלען. א חסרון, די כּלה
איז צו שיין!

אקעגן-זשע, האָב איך די קאָוונער-מאָנאָגראַפֿיע דורכגעאַרבעט אין גאַנצן,
ממש מיט א פֿאַרכאַפּטן אָטעם. דער גאַנצער ענין איז מיר געווען ניי:
קאָוונערס שײַכות צו הירש גליקן, די פּרשה אבידן און חטיבת גבעתי,
די פֿאַרצווײַגטע ליטעראַרישע אַרבעט קאָוונערס. צי קען איך בײַ אײַך בעטן
א קסעראָקס-קאָפּיע פֿונעם דף קרבי וואָס איר ציטירט אויף זז׳ 250
א״וו? דאָ, פֿאַרשטייט זיך, איז עס ניט צו באַקומען.

כ׳האָב באַמערקט אַן אינטערעסאַנטן באַריִרפּונקט צווישן די בײדע אַרבעטן
אײַערע, אַז אין ביידן שטעלט איר זיך אָפּ אויפֿן אײַנגעבויטן
אַ פּ ט י מ י ז ם וואָס ליגט אין דער קינסטלערישער אינטעגראַציע
פֿון ספֿירהדיקע עלעמענטן. אַזוי דעפֿינירט איר דעם מהות פֿונעם
מענדעלע-געשטאַלט און אַזוי דעם מהות פֿון קאָוונערס פּאָעמע (אויף ז׳
259). מיר דוכט זיך אַז דאָ רעדט אַרויס אײַער אייגן לעבנס-פֿילאָסאָפֿיע
וואָס פֿלעכט זיך צונויף מיט נאָענטע געשטאַלטן אין דער ייִדישער און
העברעיִשער ליטעראַטור. מירון, למשל, באַנאַנט (און טרײַבט איבער)
אַבראַמאָוויטשעס בונטאַרישקייט ווײַל דאָ רעדט אַרויס זײַן_מירונס, אייגן
וועלטבאַנעם.

און איצט -- א פּאָר תּכליתדיקע באַמערקונגען. איר וועט זײַן אונדזער
גאַסט במשך די דרײַ וואָכן פֿון אײַער באַזוך אין ניו-יאָרק. מיר האָבן
פֿאַר אײַך א באַזונדערן גאַסטצימער מיט אייגענע פּאָר שליסלען. איר
וועט זיך פֿילן אין דער היים, מיט פֿולע יאָרגענג פֿון די גאָלדענע קייט,
ייוואָ-בלעטער, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן און הספֿרות. מיר גרייטן זיך מיט
פֿרייד אויף אײַער קומען!

צום צער האָבן מיר פֿאַרפֿעלט דעם טערמין פֿונעם דער יזכור-פֿונדאַציע.
מע קען איצט בלויז אָנגעבן אויף 83/84. סײַ ווי זאָלט איר אָנשרײַבן
א בריוול דעם דירעקטאָר און בעטן אַן אַפּליקאַציע פֿאַר א
. איכ׳ל דערווײַלע רעדן מיט אים (ער קערט זיך אום אין
צוויי וואָכן אַרום) און זען צי מע קען נאָך אַרײַנכאַפּן הייאָר. דער
אַדרעס: